**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער זיך איינצושרייבן פאר די 12'טע יערליכע 'איך האב ליב מיין פארק' טאג

### *וואלונטיר געשעענישן קומען פאר ביי איבער 120 פארקס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים אריבער גאנץ ניו יארק*

### *אנטיילנעמער וועלן פייערן ניו יארק'ס פובליק שטחים דורכן וואלונטירן אין רייניגונג געשעענישן אריבער די סטעיט*

### *רעגיסטראציע דורך די אינטערנעט איז יעצט אפן און קען אויסגעפולט ווערן [דא](#)*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז רעגיסטראציע איז יעצט אפן פאר די 12'טע יערליכע 'איך האב ליב מיין פארק' טאג וואס וועט אפגעהאלטן ווערן שבת, מאי 6, 2023 ביי סטעיט פארקס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די געשעעניש – א שותפות צווישן Parks & Trails New York (PTNY), די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) און די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) – איז די גרעסטע וואלונטיר געשעעניש איבערן סטעיט צו פארשענערן פארקס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים און צו פארמערן אויפמערקזאמקייט און זעהבארקייט צו די סטעיט'ס דרויסנדיגע אוצרות און זייערע באדערפענישן.

"איך האב ליב מיין פארק טאג איז א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר ניו יארקער צו מכיר טובה זיין פאר אונזערע געוואלדיגע פארקס און פובליק שטחים," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג ניו יארקער זיך צו איינשרייבן און וואלונטירן ביי אן אנטיילנעמנדע פארק, היסטארישע ארט אדער טרעיל אין זייער געגנט כדי צו פארזיכערן אז צוקונפטיגע דורות קענען פארזעצן צו געניסן פון די געוואלדיגע נאטורליכע אוצרות."

וואלונטירן וועלן האבן די געלעגנהייט זיך צו באטייליגן אין רייניגונג געשעענישן ביי איבער 120 סטעיט פארקס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים, פון לאנג איילענד ביז מערב ניו יארק און דעקנדיג אלע ראיאנען אינצווישן, אריינרעכענענדיג ערטער אונטער די אויפזיכט פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און פארקס אונטער די אויפזיכט פון לאקאלע רעגירונגען. רעגיסטראציע פאר 'איך האב ליב מיין פארק' טאג קען אויסגעפולט ווערן [דא](#).

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "א דאנק פאר אונזערע שותפים ביי Parks & Trails New York פארן ארגאניזירן די

געשעעניש און פארן פארברייטערן די געלעגנהייטן צו קענען מכיר טובה זיין און שטופן מענטשן צו זיין אחריות'דיג. אונזערע וואלונטירן זענען קריטיש ביים מאכן אונזער סטעיט פארק סיסטעם די סאמע בעסטע אין דאס לאנד, און מיר קוקן ארויס צו באגרוסן די טויזנטע וואלונטירן פאר 'איך האב ליב מיין פארק' טאג נאכאמאל היי יאר."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע באשיצונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "פובליק שטחים באלאנגען פאר אונז אלע, פאר אונזערע פאמיליעס און שכנים, און ארבעטנדיג צוזאמען קענען מיר אלע נעמען א חלק אין די אחריות פאר די ספעציעלע פלעצער כדי צוקונפטיגע דורות זאלן זיי האלטן טייער און קענען געניסן פון זיי. איך האב ליב מיין פארק טאג איז אן אויסצגעצייכנטע געלעגנהייט פאר ניו יארקער זיך צו אנשליסן מיט די DEC און מיט אונזערע סטעיט פארקס שותפים צו ארויסגיין אינדרויסן און אינספירירן די קומענדיגע דור פון מענטשן וואס פירן זיך אויף אחריות'דיג צו די ענווייראמענט דורכן העלפן אויפהאלטן און אפהיטן די נאטורליכע שיינקייט פון אונזערע סטעיט שטחים."

**Parks & Trails New York עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פאול סטילי ווייט, האט געזאגט,** "ניו יארקער זענען גרייט צו ארויפשאררן די ארבל פאר זייערע פארקס. און אונזער באליבטע פארק סיסטעם האט אונז טאקע ארומגענומען און אונז ערנערט דורכאויס די פאנדעמיע, ארייננעמענדיג איבער 200 מיליאן אנדערע באזוכן (אן אפילו אריינרעכענען פילע איבערחזר'נדע באזוכן). אבער ליבשאפט דארף גיין צוויי וועגן, און א געזונטע לאנג-טערמיניגע קשר פארלאנגט שריט צו היטן דערויף. יעצט איז די צייט צו אויפווייזן פאר אייער באליבטע פארק אדער אפענע שטח אז עס איז געווען מער פון א צייטווייליגע פארלייכטערונג פון די פאנדעמיע. לאמיר ווייזן פאר אונזערע פארקס, טרעילס און אפענע שטחים אלע ליבשאפט אויף דעם 'איך האב ליב מיין פארק' טאג!"

וואלונטירן וועלן באשיינען ניו יארק'ס פובליק שטחים דורכן אויפרייניגן שמוץ, איינפלאנצן ביימער און גערטנער, פאררעכטן טרעילס און וואוינונג ערטער פון ווילדע באשעפענישן, אויסראטן אריינדרינגענדע חיות און ארבעטנדיג אויף פארשידענע פראיעקטן צו פארבעסערן די פלאץ.

כדי צו מוטיגן גאנץ-יאריגע אחריות, וועלן PTNY, די סטעיט פארקס און די DEC ארויסקומען מיט נאך וואלונטירן געלעגנהייטן דורכאויס די זומער און הערבסט אלץ טייל פון די ['האב ליב אונזערע NY שטחים' (Love Our NY Lands) קאמפיין](). די קאמפיין'ס ציהל איז צו העלפן באשיצן אונזערע נאטורליכע אוצרות דורכן גיבן פאר באזיכער די וויסנשאפט וואס איז נויטיג צו רעדוצירן זייערע נעגאטיווע ווירקונגען, ארבעטן וזאמען מיט באניצער זיך צו אויפפירן אחריות'דיג צו די ענווייראמענט און זיכערערהייט ביים פארוויילן און העלפן אלע באזיכער פילן אינדערהיים ביים באזוכן די סטעיט שטחים.

Parks & Trails New York איז ניו יארק'ס הויפט שתדלנות גרופע איבערן סטעיט פאר פארקס און טרעילס, איבערגעגעבן זינט 1985 צו פארשטערקערן אונזער געזונטהייט, עקאנאמיע און קוואליטעט פון לעבן דורך דאס באנוץ און פארגעניגן פון גרינע שטחים פאר יעדן איינעם. מיט טויזנטע מיטגלידער און שטיצער ארום די סטעיט איז PTNY א פירנדע שטימע פאר די באשיצונג פון ניו יארק'ס פרעכטיגע סטעיט פארק סיסטעם און פאר דאס אויפשטעלן און אדווערטייזן מער פון 1,500 מייל פון גרינע וועגן, וועגן פאר ביציקלער, וועגן אויף די זייט פון טייכן און טרעילס. מער אינפארמאציע [קען געפונען ווערן דא]().

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלער פארטן און מער, וועלכע זענען באזוכט געווארן דורך א רעקארד פון 79.5 מיליאן מענטשן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט [www.parks.ny.gov](), דאַונלאָודט די אומזיסטע [NY State Parks Explorer טעלעפאן עפ]() אדער רופט 518.474.0456: פארבינדט אייך אויך דורך [Facebook](), [Instagram]() און [Twitter]().

אונטער די Adventure NY איניציאַטיוו מאכט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו פארברייטערן צוטריט צו געזונטע, אקטיווע, דרויסנדיגע פארוויילונג; צו פארבינדן מער ניו יארקער און באזיכער צו נאטור און צו די דרויסנדיגע שטחים; צו באשיצן נאטורליכע אוצרות; און פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס. לייענט מער איבער די Adventure NY איניציאַטיוו אויף די DEC'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן